# צווישן זעלנער

א יעדערער פארמאגט דא הענט ווי הארטע שטיוול.
די מגושמ׳דיקייט שרייט אראפ פון יעדן פנים,
און ווערטער — וויפיל מאל שוין אויסגעקייטע? —
שטינקען פון די מיילער ווי אומאנגענעמע ריחות.
יעדעסווארט איז גרייט א פויסט צו ווערן
און ווי א פינסטערער פארשווין
אויף קינ׳ס שטייגער מאנען לוין.

ווי מ׳שארט צונויף ס׳פארפוילטע אפפאל אין איין בערגל
און מ׳צינדט עס אונטער, מ׳מאכט א שייטער —
האט מען אויך אזוי צונויפגעקליבן.
רויכערט זיך די רויע חיה׳שקייט, און תאוה׳שע געפילן
פלעמלען אייפעריק, און וועקן אויף פון דרימל
די טומלדיקע חכמה פון דעם שוטה,
דעם שוטה׳ס חכמה וואס קאן חוזק׳ן ווי ווילטאג פון דער נויט
און וואס דערמאנט אן דעמפיק קוים.

איז עס אזא רויכיקער פארפוילטער שייטער,
ווי לייבער מענטשלעכע זיך רויכערן ווי בערגלעך מיסט.
ווער עס קאן און ווער עס וויל קאן• טרעטן מיט די פיס.
און וועמען ווילט זיך נישט אויף מיסט א שפיי טאן?
קריגט מען זיך. און ווי עס איז דער שטייגער שוין
שפייט דא איינער אויפן צווייטן און אויף זיך אליין.

אז א הונט איז יעדער דא, וואס בילט נאך פונדערווייטנס,
לאזט אראפ דעם קאפ, ווען ס׳הויבט זיך אויף דער שטעקן.
און וויל מען ווו אנטלויפן פון דער איבלניש, פון אלטע שרעקן,
זוכט מען זיך א מקלט אונטער קאץ דער זעלנערשער.
און פון דארטן וואיעט מען ארוים, ווי אן אפגעבריטער הונט
אויף די מארגנס טונקעלע וואס הענגען ווי די וואלקנס איפן ווינט.

יאסל בירשטיין